ישראל שטערן

# צוויי לידער

געווידמעט דעם פראפעסאר מיכאלאוויטש

1.

## דער סימן

(פרייע איבערדיכטונג פון וויקטאר הוגא)

כ'האב געוואלט אין דער פינסטער דעם אמת דערגרייכען.
ס'האט קיינעמס פייער נישט געוואלט מאכען ליכטיג.
האב איך געבעטען מיין מזל: גיב מיר א צייכען,
וועלכער וועג פון די וועגען איז ריכטיג.
און כ'האב א סימן געקריגען; א. נס מן השמים,
איצט ווייס איך, אז דער וועג וואס איך גיי איז פ:
ווייל „רוצח! רוצח!" שרייט אויף מיר קין,
„פעררעטער" רופט מיך יהודה איסקאריאט.

2.

## די פליגען

(פרייע איבערדיכטונג נאך אברהם אבן-עזרא)

וואו נעהמט מען א מקום־מקלט, וואו,
צו אנטלויפען פון די רוצחים, די פליגען?
זיי לאזען דאך מיך א מינוט נישט צורות,
זיי זענען אין מיין שטוב, אויף מיין דאך, א

זיי טאנצען ווילד אויף מיינע ברעמען,
זיי שפרינגען, זשומען אהן א סוף.
אז איך וויל מיין מאהלצייט נעהמען,
קומען זיי און פרעסען אויף.

זיי ווארימען זיך ביי מיין לעצטען שפאן,
זיי טרינקען אויס מיין רעשט ביסעל וויין,
און זיי זעצען זיך איבען אן,
ווען כ'בעט מיינע פריינד צו מיר אריין.

מיין טרייסט איז נאר, אז הערבסט וועט שניידען
מיט קעלט און רעגען און וועט זיי פערשטראמען.
אז נישט וועלט די וועלט געשטארבען פון ליידען;
און איך דאנק דערפאר זיין ליבען נאמען.

דער סימן

די פֿליגן

הײַנט (וואַרשע, 1908–1939)

30, נומ׳ 260, נאָוועמבער 12, 1937, ז׳ 7